START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Kodak

THE Permalife
COTTON CONTENT

Microfilmed 2005
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION

PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2005-1907-21

Peretz, Isaac Leib.
Shampanyer : drama in ayn akt.
Nuyork, 1907.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2005- 1907.21

Peretz, Isaac Leib, 1851 or 2-1915.
Shampanyer : drama in ayn akt / fun Y.L. Perets.
Nuyork : S. Drukerman, 1907.
16 p.

1. Yiddish drama.--lcsh
I. United States-New York-New York

ID : NXYH01-B15381 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /8709

Reduction ratio x 10.0

2/8709

שאמפאניער

דראמא אין איין אקט

פון

י. ל. פרץ.

צענטראל-יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

פערלאג ס. דרוקערמאן,

50 קאנעל סט., נויארק.

[1910]

פערזאנען:

גרונע - איין אלמנה נאך א סופר, א קליינע, מאגע-
רע, נערוועזע יודענע.

מרים—א פערזעסענע, פון א יאהר
עטליכע און צוואנציג.
סעריל—איין עגונה פון א יאהר 20.
הדם—א נייטארען מיידעל; א יאהר
.16—17

(איהרע 3 טעכטער)

דבורה א הויכע, שווערע יודענע, אהן ברעמען.

די סצענע

שטעלט פֿאָר איין אָרימע קעלער־שטוב, די אויסגאַנגסטהיר אין הינטער־גרונד, דער רעכטער ווינקעל איז הינטער א הישפאניש ווענטיל. אז עס ווערט אוועקגערוקט, זעהט מען ארויס א צוזו־דערט בעט. אין לינקען ווינקעל—א בערגיל קארטאפעל און א הויפען ציבאלים. ביי דער וואנד רעכטס—צוויי ביַטען. לינקס א שראנק צווישען צוויי הויכע פענסטערליך אין גאס ארויף. אין מיט שטוב—א טיש, ביַנקליך.

פ א ר ה א נ ג

מ ר י ם: (זיצט ביים טיש מיט'ן פנים צום צושויער. אנ־געשפארט דעם קאפ אויף די הענד. גענעצט פער־וויסט).

ג ר ו נ ע. (קומט אריין שנעל ארבייטענדיג א זאק) ביי זיי חובות צו מאנען! ווי פון א סמאלע! (דער־זעהט מרים'ן, מיט רחמנות) עס טהוט דיר דער קאפ וועה? (זיפצט אב, נישט בעקומענדיג קיין ענטפער, געהט ארום טיש. קומט אויס מרים'ן פון א זייט, שאקעלט מיט'ן קאפ פאר צער).

מ ר י ם: (הארט) ניין. (הייבט זיך אויף, געהט הינטער דער פארהאנג ארונטער).

ג ר ו נ ע: (קוקט איהר א ווײַלע נאך; הערט זיך איין צו דער טהיר) אָה, סעריל מיט'ן נאפט. געהט צו צו דער לאמפ, מאכט זי צו רעכט).

ד ב ו ר ה: (קומט אריין מיט א קיישעל) גוט'ן אבענד!

ג ר ו נ ע: (ענטטוישט) דו גאר... ס'קאצעל קומט!

ד ב ו ר ה: (שטעלט דאס קיישעל אויף דער ערד רעכטס ביי דער טהיר. איראניש) א שיינער „ס'קאצעל קומט“... זאל'ן דיר בעסערע בשורות אנגעזאגט ווערען! (קומט א פאר טריט נענטער, שטעלט זיך

אב, קוקענדיג אויף גרונען מיט פארוואורף און מיטלייד) גרונע! (פויזע).

ג ר ו נ ע: (איבערוועלטיגט די אונרוה) פון דארף קומסט'ו? (א בליק צום קיישעל).

ד ב ו ר ה: איינגעקויפט פאר שפרינצען אויפ'ן מזל...

ג ר ו נ ע: אבגעטרעטען זיך אברוהען?... אדרבא... זעץ זיך!

ד ב ו ר ה: ד'קען בעשטעהען! (געהט צו צום טיש, שפארט אן די הענד, קיין אויג פון גרונען ניט אראבלאזענדיג, מיט טיעפען שטראפענדיגען ערנסט). ווייסט, ו ו ע ר, עליו השלום, דיין מאן איז געוועזן, גרונע?

ג ר ו נ ע: (פערבליפט, עפענט דאס מויל, געפינט נישט וואס צו זאגען, לאזט אב מיט דער רעכטער האנד דעם זאק, פערליערט דאס שפיזעל).

ד ב ו ר ה: (נישט אבווארטענדיג אויף ענטפער) א יוד א למדן, גרונע, איין עהרליכער יוד, א סופר! (פויזע). פלעגט פאר יעדער שורה פון דער הייליגער תורה טבילה געהן.

ג ר ו נ ע (פערביסען) שקר... א פאר מאל אין וואך — אמת!

ד ב ו ר ה: (שטרענג) זיין זכות זאל אונז בייזשטעהן, גרונע!

ג ר ו נ ע: (הויל) ער איז נ י ש ט בייגעשטאנען!

ד ב ו ר ה: ווייל דו ביזט זינדיג, גרונע!

ג ר ו נ ע: (שפרינגט אויף, ווי פון א שלאנג געביסען). איך?

ד ב ו ר ה: דו! א סופר'ס איין אלמנה און אזא כשר'ן סופר'ס, פיהרט אנדערש די קינדער!

ג ר ו נ ע: (מיט א האנד בעוועגונג צו דער פארהאנג) שווייג!

ד ב ו ר ה: זי איז דארט נישט דא!

ג ר ו נ ע: מרים'ל ליגט — דער קאפ טהוט איהר וועה — רער שטילער!

ד ב ו ר ה: (געהט נענטער צום פאדער־גרונד צו) א מיידעל היט מען... ד'וואלט מיינע ווי א שלייען צוריסען!

ג ר ו נ ע: ציה נישט די אדערן! רעד צו דער זאך...

ד ב ו ר ה: (ביטער) וואס איילסט'ך אזוי צום נחת?

ג ר ו נ ע: ציה נישט די נשמה ארוים, זאג איך!

ד ב ו ר ה: (זעצט זיך שווער אויף א בענקיל) אין דארף בין איך געגאנגען... פארביי געגאנגען דעם גערטיל מיט דער רעסטאראציע, וואו די מוזיק שפיעלט... הער איך זי? מוזיק פעהלט מיר! ד'קוק מיך אפילו ניט אום... ווער מיר גערטיל, וואס מיר גערטיל... ס'וואקסט מיר א מויד אין גראהען צאפ אריין, און פון שפרינצע־גבירה'ס וועט קיין נדן נישט זיין... געה איך... נישט די אויגען זעהען, נישט די אויערען הערען... איז דאך אבער ליסטאפאד! חאפט דאס ווינטעל א הויפענדיל בלעטער און שמייסט מיר אין פנים אריין! דרעה איך זיך אב, דערזעה איך — (האקט אב).

ס ע ר י ל: (אריינקומענדיג) אט נאפט. (וויל צוגעהן צום

טישעל, בעמערקט דבורה'ן, שטעלט אוועק דעם נאפט אויף דער ערד ביי דער טהיר; צו דער מוטער) וועסט אליין אנגיסען, מאמע? (וויל געהען הינטער דער פארהאנג ארונטער).

ג ר ו נ ע: מרים האט זיך צוגעלעגט... דער קאפ טהוט איהר וועה...

ס ע ר י ל: (פערהאלט זיך) וועסט קאכען קארטאפעל?

ד ב ו ר ה: און מיר קומט נישט קיין גוט'ן אבענד?

ג ר ו נ ע: (גלייכצייטיג) קארטאפעל, טאכטער!

ס ע ר י ל: (נעמט אן א שירץ קארטאפעל מיט א מעסער צום שיילען און געהט צו דער טהיר).

ג ר ו נ ע: ס'איז קיהל, סעריל...

ס ע ר י ל: ך'געה צום שכן אריין, מאמע.

(שווערע פויזע).

ג ר ו נ ע: און וואס האסט דו געזעהען, דבורה?

ד ב ו ר ה: הלואי וואלטען עס מיינע אויגען נישט געזעהען! געיאגט זיך א קאפעליוש מיט א צנועה... פון רעסטאראציע זענען זיי ארוים... אין דער לענג פון צוים געיאגט זיך... זי קנאקט צוקערקים און לאכט, און לויפט, ער — נאך... דעריאגט ער זי, חאפט זי א הויפען בלעטער און שמייסט איהם, אויסגעלאסען לאכענדיג, אין פנים אריין...

ג ר ו נ ע: (איראניש) האסט זיך צוגעקוקט?

ד ב ו ר ה: ך'האב דאס לאכען דערקענט! ווייסט ווער זי איז געווען?

(פויזע).

ג ר ו נ ע: הרס?!

ד ב ו ר ה: (שפרינגט אויף) דו האסט געוואוסט??! וואס? — א חתן איז עס?

ג ר ו נ ע: ניין...

ד ב ו ר ה: נישט? און דו... האסט געשוויגען?

ג ר ו נ ע: יא!

ד ב ו ר ה: (עמפערט) גרונע!

ג ר ו נ ע: (שטעלט אוועק דאס לעמפעל אויפ'ן טיש. רוהיג) אצונד שווייג דו און הער, וואס איך וועל דיר דערצעהלען! (אנחאפענדיג דבורה'ן ביים ארבעל, נייט זי, זי זאל זיך זעצען). אלץ וועל איך דיר דערצעהלען, איין גאט אין הימעל וועט אונז הערען!

ד ב ו ר ה: (זעצט זיך צוריק).

ג ר ו נ ע: אז מיין מאן איז געשטארבען —

ד ב ו ר ה: ווי אזוי רעדסט דו עפּים, גרונע?

ג ר ו נ ע: ווי אזוי זאל איך רעדען?

ד ב ו ר ה: אהן „זכרונו לברכה“? און — „נפטר געווארען“ זאגט מען!

ג ר ו נ ע: אלץ איינס, נפטר געווארען צו געשטארבען, בעגראבען האט מען איהם...

ד ב ו ר ה: צו קבר אבות געקומען...

ג ר ו נ ע: זאל זיין צו קבר אבות... נור מיך האט ער איבערגעלאזט מיט דריי יתומות — טעכטער...

ד ב ו ר ה: נעביך, — אוועקגעגאנגען אהן אַ קדיש פון דער וועלט...

ג ר ו נ ע: דריי טעכטער, די עלטסטע — —

ד ב ו ר ה: (מיט א בליק צו דער פארהאנג) מרים — —

ג ר ו נ ע: אלט געוועזן 19 יאהר...

ד ב ו ר ה: ביי לייטען איז אזוינס א כלה...

ג ר ו נ ע: ביי אונז איז קיין ברויט נישט געוועזן! פון לעקעך עסען נישט צו רעדען...

ד ב ו ר ה: ווי אזוי רעדסט'ו עפּיס היינט, גרונע!

ג ר ו נ ע: נישט א י ך רעד, די צ ר ו ת רעדען... דאס שענסטע מיידעל אין שטאדט געוועזן...

ד ב ו ר ה: היינט אויך... קיין עין הרע!

ג ר ו נ ע: היינט איז זי א זויערע לימאָנע — א גראהע צאָפּ! נור דעמאלט האָט זי געלויכט ווי די זון... און איך בין דעמאלט דעם פרומען סופר'ס אלמנה געוועזן! איך האָב זי ווי איין אויג אין קאָפּ געהיט... איך האָב געוואוסט, אז היינטיגע צייטען... עס דרעהען זיך ארום כלי־זמרים, שניידערלאך, אזוי דייטשלאך און אלטע בחורים... בית־המדרש'ניקעס אפילו פלעגען זיך דרעהען ביים פענסטער... נור אויך וואס איז א מאמע? א מיידעל, האָב איך געוואוסט, דארף זיין אהן א הויך, ווי א שפּיעגעל... און איך האָב מיינס בעוויעזען; עס איז אויף איהר קיין הויך נישט געפאלען! געהיטען האָב איך זי, געהיטען! קיין אויג נישט אראבגעלאזט, קיין טריט פון שטוב האָט זי אהן מיר נישט

געמאכט... און אלץ מוסר געזאגט... קוק נישט אהער, קוק נישט אהין, דא שטעל דיך נישט, דא זעץ דיך נישט... קוק נישט ווי פייגעלעך פליהען...

ד ב ו ר ה: נו, זעהר וואויהל...

ג ר ו נ ע: (ביטערליך). וואויהל ווי די וועלט! אבער ווי זעהט זי אויס?! איין אמת עהרליך מיידעל, נור 26 בעשריגענע יאהר! דאָך, די ביינער צו צעהלען, א געררונצעלטע הויט, ווי פּארמעט צו תפלין, אויגען פערלאשענע, דאס פּנים זויער, אהן א שמייכעל — אייביג פערביסענע ליפּען... גאנץ אפּט ברענען דאך אויף די פערלאשענע אויגען — דאס ברענט דעמאלט אין זיי א שנאה, א האס ווי א גיהנם... און ווייסט דו וועמען? ווייסט דו וועמען זי האָט פיינט? וועמען, מאכענדיג מיט די ליפּען, זי פערשילט די ביינער?

ד ב ו ר ה. וועמען?

ג ר ו נ ע: מיר! מיר — איהר אייגענער מאמען!

מ י ר ל: (קומט אפיר פון הינטער דעם פּארהאנג, קוקט מיט האס צו דער פערציטערטער מוטער. געהט ארויס).

ג ר ו נ ע: האסט געזעהען? (פּויזע).

ד ב ו ר ה: אבער — פאר וואס?

ג ר ו נ ע: זי אליין ווייס אפשר נישט פאר וואס, נור א י ך וויים! איך האָב מיך געשטעלט צווישען איהר און דער וועלט, צווישען איהר און דער זון! איך האָב איהר, ווי זאל איך דיר עס זאגען? קיין ווארעמ־

קיים און קיין ליכט צום לייב נישט צוגעלאזט... גאנצע נעכט האָב איך דאריבער געקלערט, ביז איך בין עס דערגאנגגען, אויף קלאר דערגאנגגען! זי מוז מיך פיינד האָבען! יעדעס קעמערעל פון איהר לייב האָט מיך פיינד!

ד ב ו ר ה: וואס רעדסט דו?

ג ר ו נ ע: וואס דו הערסט! די שוועסטער האָט זי א ודאי פיינד, שענער זענען זיי און יונגער! (חאפט שווער דעם אטהעם).

ד ב ו ר ה: רבונו של עולם! (פויזע).

ג ר ו נ ע: (הייזעריג) די יונגערע, סערל׳ן, האָב איך שוין אין דערהיים נישט געהאלטען... איך האָב זי אבגעגעבן פאר א דיענסט...

ד ב ו ר ה: איך האָב טאקי געשריען געוואלט. מעשים געטהון... א סופר׳ס א טאכטער פאר א דיענסט...

ג ר ו נ ע: איך האָב געוואלט חאטש זי חתונה מאכען, זאל זי חאטש א ביסעל נדן האָבען... פון מיינע קארטאפעל און ציבאלעס, מיט וועלכע איך האנדעל, קען מען קיין נדן נישט אויפקלייבען... און זי האָב איך אויך געהיט... ניט איין בעל־הבית האָט אויף איהר איין אויג געווארפען, נישט איין בעל־הביתיש קינד האָט זיך געוואלט פון איהר א שפילעכעל מאכען...

ד ב ו ר ה: ימח שמם וזכרם!

ג ר ו נ ע: בין איך דאך אבער א מאמע! און איך בין א געטרייע מאמע געוועזן! די פיס האָב איך מיר אב־

געהאקט! צעהן מאל אין טאג ביי איהר אין קיך געוועזן, געוויינט, גע׳חלש׳ט, מוסר געזאגט...

ד ב ו ר ה: שטראפען מוז מען, איך שטראף מיינע אויך...

ג ר ו נ ע: גאנצע נעכט בין איך נישט געשלאפען, דעם קו הישר געלייענט און אנדערע הייליגע ספרים אויף עברי־טייטש, און צו מארגענס איהר אלץ איבערדערצעהלט... און נאך אייגענעם צוגעלעגט! גאט זאל עס מיר מוחל זיין...

ד ב ו ר ה: מוחל זיין?

ג ר ו נ ע: פאר דעם ליגען! פון דריי שדים האָב איך געמאכט צעהן... פון א שמיץ — קאסטרוי! מיט פייער האָב איך געשיט! און א שוואך קינד איז עס געוועזן, א שוואך, כשר קינד, עס האָט זיך געלאזט פיהרען!... דער טאטע אויס׳ן אויג — בלאס, אהן א ביסעל בלוט, און אזוינע גוטע, פייכטע אויגען — נור שענער איז זי געוועזן...

ד ב ו ר ה: דו רעדסט, רחמנה ליצלן, פון איהר, ווי פון טויטען!

ג ר ו נ ע: און דו מיינסט, זי לעבט? איך זאג דיר, זי לעבט נישט! זי האָט אנגעזאמעלט נדן, און איך האָב איהר א מאן געגעבען! זי האָט נעביך געוויינט, אז זי וויל איהם נישט, אז ער איז צו גראב, צו פראסט פאר איהר, נור א לערן־קינד נעמט נישט קיין דיענסט־מיידעל, בפרט מיט דרייסיג רובל נדן! איך האָב געדאנקט גאט ווער עס איז! — א שניידער־יונג איז א שניידער־יונג! נו, האָט ער

מיט איהר א יאהר נעלעבט, צוגענומען דאס געלד, מיט'ן געזונד, מיט'ן רעשט ביסל כח און איז אוועק... נאקעט און בלויז האט ער זי מיר אבגע־שטעלט, נור — מיט א לונג־פעהלער! זי שפייט מיט בלוט!... א שאטען איז עס שוין געווען, נישט קיין מענש... עס טוליעט זיך צו מיר ווי א קליין קינד, עס לעקט זיך ווי א לעמעלע! און גאנצע נעכט וויינט עס... און-ווייסט דו, אויף וועמען זי וויינט?

ד ב ו ר ה: אויפ'ן מאן, ימח שמו!

ג ר ו נ ע: ניין, דבורה, אויף מיר וויינט זי! (געהט צו צום קוימען, מאכט איבער דער גאנצער צייט פייער און קען עס פאר אויפרעגונג נישט מאכען). איך האב זי אונגליקליך געמאכט. (בלאזט). איהרע טרערען פאלען מיר אויפ'ן הארץ, ווי קאכעדיג בליי — זיי סם'ען מיך די טרערען... (בלייבט שטיל, קוים האפענדיג דעם אטהעם).

ד ב ו ר ה: הכלל?

ג ר ו נ ע: הכלל? (בלאזט האסטיג). הכלל האב איך מיר געזאגט: גענוג! זאל מיין דריטע טאכטער שוין לעבען! לעבען זאל זי, ווי זי קען, ווי זי וויל! זי פערדיענט מיט דער נאדעל, 16 שעה אין טאג ארבייט זי, קוים טרוקען ברויט פערדיענט זי... זי וויל צוקערקעס אויך, זאל זי עסען! זי וויל לא־כען, שטיפען, קושען זיך — זאל זי! הערסט, דבורה — זאל זי! איך קען איהר קיין זיסע זאכען נישט געבען. קיין מאן אודאי נישט! א ציטרין פון

איהר מאכען, וויל איך נישט, א לונג־פעהלער גע־בען — נישט, נישט! זאל שוין מיין דריטע טאכ־טער מיך נישט האסען, אויף מיר נישט וויינען (בלאזט)...

ד ב ו ר ה: (שרייט אויס דערשראקען) אבער גרונע, וואס וועלען זאגען לייט?

ג ר ו נ ע: זאלען לייט פריהער אויף ארימע יתומים רחמנות האבען, נישט ארבייטען מיט זיי, ווי מיט אייז־לען, אומזיסט! זאלען מענשען האבען הערצער פון מענשען, און נישט האלטען ארימע לייט צום אויסדריקען ווי לימאנעס!...

ד ב ו ר ה: און גאט? גאט ברוך הוא!

ג ר ו נ ע: (חאפט זיך אויף, שרייט, גלייך זי וואלט וועלען, גאט זאל אין הימעל הערען) האט גאט געזאלט פריהער יענע פערזארגען!...

(א שווערע שטילקייט,ביידע ווייבער עטהמען שווער, ביידע שטעהען זיך אקעגען מיט בליצען אין די אויגען).

ד ב ו ר ה: (שרייט). גרונע! גאט, גאט וועט שטראפען!

ג ר ו נ ע: נישט מיך, נישט מיינע טעכטער! גאט מוז זיין עהרליך! ער וועט עמיץ אנדערן שטראפען! עמיץ אנדערן!

(הדס'ם שטימע אונטער דער טהיר: טרא־לא־לא! טריי־לא־לא).

ג ר ו נ ע: מיין פויגעל, מיין זיסער פויגעל! מיין זינגענדי־גער!

ה ד ס: (פאלט אריין לוסטיג, עטוואס פערדרעהט) טרא־לא־לא — אה! דבורה גבאי'תע... דבורה די זאנגערין, דבורה די טוקערין — חא־הא־חא!

ד ב ו ר ה: (צוגעהענדיג צו הדס'ן) שטיל, דו חצופה! (פראלט צוריק) מען פיהלט דאך פון דיר — בראנפען!

ה ד ס: שקר! בראנפען האט ד י י ן טאכטער מיט איהר קבצנישען יאלד געטרונקען! דאס האלט זי שוין ביי בראנפען...

ד ב ו ר ה: שווייגסט? חצופה!...

ה ד ס: ניין... זי טרינקט בראנפען!... א פאניע איז ער. א רובאשקע טראגט ער... א האלז ווי א קעללער! בראנפען טרינקען זיי! איך טרינק וויין!

ד ב ו ר ה: דער'הרג'ענען געה איך זי (בויגט זיך צום קיי־שעל).

ג ר ו נ ע: (האפט זיך אן ביי דער ראנד פון טיש נישט צו פאלען). נישט דאס האב איך געמיינט... נישט אזוי ווייט... און גאט... גאט האט געשטראפט, קיין מיטלייד, קיין רחמנות נישט געהאט...

ה ד ס: (גלייכצייטיג) שאמפאניער טרינק איך! שאמ־פאניער!

(פארהאנג).